גליון כד' שנה א'

פרשת ראה
תשפ"ו

# בחור'ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: איוב איינער טוט מיר ווי....

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר די טעגליכע חיזוק און די בריוון, עס האט מיר אסאך מחזק געווען.

איך האב געוואלט פרעגן וועגן מאכן התבודדות און רעדן צום אייבערשטען כדבר איש אל רעהו. ווען איך רעד זיך אויס פאר'ן אייבערשטן זאכן וואס האט צוטון מיט אן אנדערן מענטש וואס האט מיר מצער געווען, שפיר איך ווי איך האב יענעם בארעדט פאר'ן אייבערשטן, און איך האב אמאל געהערט אז ס'קען ברענגן א קיטרוג חס ושלום. וואס איז די ריכטיגע וועג צו דעם?

יישר כח

### תשובה

לכבוד ... נרו יאיר,

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### וויאזוי קען מען דערציילן אן ברענגען דין אויף זיך

דו פרעגסט זייער גוט, איינער האט שוין געפרעגט די שאלה פאר פופציג יאר צוריק פון מוהרא"ש. קוק אין שאלות ותשובות אשר בנחל (אשר בנחל חלק יג, מכתב א' תשמה, א' פרשת בא שנת תשל"ה): "**והנה אודות שאלתך, שהרי אמרו חז"ל** (ברכות נה:) **'המוסר דין לשמים הוא בין הדברים שמזכירים עוונותיו של אדם'**", אויף דיין פראגע וואס דו פרעגסט, חכמינו זכרונם לברכה זאגן דאך (שם): "**שלשה דברים מזכירים עונותיו של אדם**", ווער עס טוט די דריי זאכן זוכט מען נאך אין הימל די עבירות פונעם מענטש, איינע פון די זאכן איז: "**מוסר דין על חבירו לשמים**", ווער עס בעט דעם אייבערשטן ער זאל באשטראפן זיין חבר וואס קריגט זיך מיט אים, מיט דעם מאכט ער זיך אליינס שלעכט, מען נעמט אפיר זיינע עבירות, "**ואם כן לענין התבודדות ושיחה בינו לבין קונו, שצריכים לספר הכל לפניו יתברך בפרטי פרטיות, מה שעובר עליו, בכל מאורע וכו'**", אויב אזוי, וויאזוי קען מען אלעס דערציילן דעם אייבערשטן און אים בעטן אויף יעדע זאך? "**ואם כן איך יכולים לספר בפרטיות שחבירי זה מצער אותי, וגורם לי מה שגורם וכו', הלא הוא בכלל מוסר דין על חבירו?**" ווי אזוי קען מען דערציילן אלעס וואס מען גייט אריבער פונעם חבר, אלע צרות און שלעכטס, מען ווערט דאך א מוסר דין לשמים?

#### אזוי'וי מען דערציילט פאר'ן חבר

"**ויש לומר, שהן אמת שהתבודדות צריכה להיות בתמימות ובפשיטות, כאשר ידבר איש עם רעהו, ולספר לפניו את כל צרותיו ומאורעותיו**", נאר מען דארף טאקע דערציילן דעם אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער און רעדן צו אים אזוי ווי מען רעדט צו א גוטער פריינט, "**אך כמו שאסור לספר לחברו שם המצער אותו, כי הוא בכלל לשון הרע, רק מספרים בדרך כלליות, שעובר עלי מאנשים מה שעובר וכו'**", אבער מען דארף וויסן, אזוי ווי ווען מען דערציילט פאר א חבר וואס מען גייט אריבער טאר מען נישט יענעם זאגן דעם נאמען פון ווער עס מאכט די צער, ווייל עס איז בכלל לשון הרע, נאר מען שמועסט מיט'ן חבר פון די צער, נישט ווער עס מאכט עס, "**כמו כן צריכים לדבר עמו יתברך,**

ולפרש כל שיחתו וכל אשר עם לבבו, וכל הייסורים שיש לו בפרטי פרטיות", אזוי דארף מען שמועסן מיט'ן אייבערשטן און אים דערציילן אלע צרות און יסורים וואס מען ליידט, "**אך לא להזכיר את שם המצער אותו וכו'**", און נישט דערמאנען דעם נאמען פון דער וואס מאכט די צער.

### דער עיקר וואס מען זאל זאגן פאר'ן אייבערשטן

מוהרא"ש פירט אויס, והעיקר דארף מען זאגן צום אייבערשטן: "**רבונו של עולם, חטאי המרובים מצערים אותי ומקפחים פרנסתי**", הייליגער באשעפער, מיינע עבירות זענען מיך מצער, צוליב מיינע זינד האב איך נישט קיין פרנסה, "**אנא ה', רחם עלי ומחול לי באופן שיתבטלו המצערים**", איך בעט דיר אייבערשטער, זיי מיר מוחל, אזוי וועלן אלע מיינע פראבלעמען אוועק גיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## התחזקות פון דער ראש ישיבה שליט"א

לכבוד ... נרו יאיר

### זיך פרייען מיט די מצוות

ביים הייליגן רבי'ן איז געווען א יסוד - מען זאל זיין פריילעך, זיך פרייען אז מען איז א איד, זיך פרייען אז מען איז נישט קיין גוי, זיך פרייען מיט די מצוות וואס מען טוט, מיט די ציצית, מיט די תפילין, און אזוי ווייטער.

### עוסק זיין אין טון גוטס

ליבער ברודער, אנשטאט זיין פארנומען מיט אוועק נעמען די שלעכטס - זאלסטו עוסק זיין אין טון גוטס, ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט, מיטן טון גוטס פאלט ממילא אוועק דאס שלעכטס (חיי מוהר"ן, סימן תמז), טון גוטס מיינט דאווענען די דריי תפילות מיט מנין, זיך קובע זיין שיעורים אין די הייליגע תורה, און טון מצוות מיט שמחה.

### קוק נישט אויף יענעם

קוק נישט אויף קיינעם, זיי זיך נישט מבלבל פון קיינעם, דער תם האט געזאגט (ספורי מעשיות מעשה ט', מחכם ותם): "**דאס איז מיין מעשה, און דאס איז יענעמ'ס מעשה, וואס האט יענעמ'ס מעשה מיט מיר? איך דארף קוקן אויף מיר, זיך מחי' זיין מיט וואס איך האב**"; וואויל איז דעם וואס לעבט מיט די שכל פון זיך נישט מבלבל זיין פון א צווייטן, וועט אים גוט זיין בזה ובבא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

**א איד, א אידישע נשמה מוז האבן עפעס אין וואס זיך אנצוכאפן, כדי מען זאל נישט טראסקענען. א מענטש געפינט זיך אין א סכנה צו גיין יעדן טאג אראפצו און אראפצו, דעריבער מוז ער נעמען איין זאך - ווי למשל משניות - אין וואס ער זאל זיך אנכאפן. מען קען נישט נעמען צען זאכן אויפאמאל; למשל, מארגן הערט מען ביי די שיעורים אז מען זאל אדורכגיין דעם טור אדער דעם רמב"ם, און דער מענטש שפירט ביי זיך אז ער קען נישט "אלעס" באווייזן. דעריבער, מוז מען זיך אין איין זאך אנכאפן, ווי מען זאגט אין אמעריקא "ביי האק אר ביי קראק", זאל זיין וואס זאל זיין. אזוי קען מען זיך דערהאלטן.**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**
**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|12|2|69**

## קורץ און שארף

"הַשֶּׁקֶר מְעַכֵּב אֶת הַיְשׁוּעָה, כִּי הַשֶּׁקֶר מְגַלֶּה עֲווֹנוֹתָיו, כְּדֵי שֶׁלֹּא יוֹשִׁיעוּ לוֹ.

ליגנט האלט אפ די ישועה, ווייל די ליגנט אנטפלעקט זיין עבירות, אז דער אייבערשטער זאל אים נישט העלפן."

(ספר המידות - אמת, י"ט)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן | מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370